בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ב' | עשי"ת | ה' תשרי | תשע"ב | פסחים: ק:

# באריכט:

היינט פארטאגס ביים מנין סליחות פון כ"ק מרן רבינו שליט"א איז דער בעל תפילה געווען מוה"ר ישכר בער הירש הי"ו.

נאך סליחות איז דער ציבור אדורכגעגאנגען דעם רבי'ן שליט"א לברך ולהתברך בברכת גמר חתימה טובה.

פאר'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' חיים שלום בוים הי"ו און דערנאך דער ברית לבן הנולד לר' משה כ"ץ הי"ו פון קרית יואל.

## בקודש פנימה

אין די נאכמיטאג שעה'ן איז האדמו"ר מ'ליזענסק שליט"א פון מאנסי געקומען צו מרן רבינו שליט"א לברך ולהתברך לרגל דאס ניי יאהר, ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן א שיינער שמועס בדברי תורה ועוד.

## יו"ט ראש השנה העעל"ט איבערהאלב קהלתינו הק' די בכל אתר ואתר

### קרית יואל

א שיינער יו"ט איז אדורך בקרב אנ"ש אין קרית יואל מיט הגה"צ אבד"ק דקהלתינו וומסב"ג שליט"א.

דער רב שליט"א האט געדאווענט פאר'ן עמוד מנחה עריו"ט. און תפילת מעריב האט געדאווענט הר"ר יעקב אלעזר מענדלאוויטש הי"ו. נאכ'ן דאווענען האט געדויערט א לענגערע צייט ווען דער ציבור קע"ה איז אדורך צו זאגן לשנה טובה פאר'ן רב שליט"א.

פסוקי דזמרה דעם ערשטען טאג האט געדאווענט פאר'ן עמוד הרה"ג ר' אברהם שלום פריעדמאן שליט"א ר"מ בישיתיה"ק, און תפילת שחרית האט געדאווענט הגאון דער דיין שליט"א.

בערך 1:20 האט דער רב שליט"א אנגעהויבן דעם תקיעת שופר דרשה ווי דער רב שליט"א האט שטארק מעורר געווען דעם ציבור אין פארשידענע ענינים, און בתוך הדברים ארויסגעברענגט וואספארא צרות אידן גייען אצינד אדורך ובפרט בענין צער גידול בנים וואס אידן גייען ליידער אדורך ל"ע, און אז מען זאל איינרייסן פאר די ישועה שלימה.

בעל תוקע איז געווען הגה"צ דער רב שליט"א און ביי די תקיעות דמעומד איז געווען דער בעל תוקע הגה"צ ר' ברוך שליט"א חדב"ן ורב ביהמ"ד ברך משה, און בעל מקרא איז געווען הגאון דומ"ץ קרית יואל שליט"א. מען האט געענדיגט מוסף ארום 6:00 אזייגער.

ליל ב' דיו"ט האט געדאווענט פאר'ן עמוד מעריב מוה"ר שמואל עקשטיין הי"ו.

דעם צווייטן טאג האט געדאווענט פאר'ן עמוד פסוקי דזמרה הרה"ג ר' ישכר דוב הכהן גלאנץ שליט"א מ'בארדיוב, און תפילת שחרית האט געדאווענט מוה"ר בעריש אפעל הי"ו.

בערך 1:15 איז דער רב שליט"א אריינגעקומען אין ביהמ"ד ווי עס איז פאהרגעקומען א ברית און נאכדעם תקיעות שופר. צוליב ערש"ק האט דער דיין שליט"א נישט געוואלט זאגן א דרשה פאר תקיעת שופר, מען האט געענדיגט מוסף ארום 5:00 אזייגער.

שבת נאכמיטאג איז דער רב שליט"א ערשינען 6:00 אזייגער בערך צום שבת שובה דרשה אין ביהמ"ד הגדול, ווי דער רב שליט"א האט געזאגט א הערליכע פלפול, און דערנאך ביי די חלק המוסר ארומגערעדט פון די מחלה פון אינטערנעט און האט אויך דערמאנט די תקנה פונעם רבי'ן שליט"א וועגן קאמפיוטערס אין שטוב, ער האט אויך געזאגט אז מען בעט אל תשליכנו לעת זקנה און נישט לעת ילדות, מיט די היינטיגע כלים דארף מען ווען בעטן לעת ילדות...

ביי שלש סעודות האט דער דיין שליט"א פארגעלערנט פון ספה"ק דברי יואל און דערנאך געבעטן דעם רב שליט"א צו זאגן דברי תורה.

## בארא פארק

אין בארא פארק האט דער דיין שליט"א געדאווענט מעריב די ערשטע נאכט יו"ט, און נאך מעריב האט גענומען א לענגערע צייט ביז די מתפללים פון אלע אונזערע בתי מדרשים אין ב"פ וועלכע זענען געקומען צום רב שליט"א אנוואונטשן האבן געקענט אדורכגיין.

תפילת שחרית דעם ערשטן טאג האט געדאווענט הר"ר יצחק אייזיק אייכענשטיין שליט"א, און דעם צווייטען טאג האט געדאווענט מוה"ר שמואל זאנוויל ווערצבערגער הי"ו, און די מוספים האט געדאווענט דער דיין שליט"א.

דער רב שליט"א האט געזאגט א דרשה דעם ערשטן טאג בעפאר תקיעת שופר, און אזוי אויך געווען דער בעל תוקע, דער בעל מקרא איז געווען הרה"ח ר' מרדכי שבתי מארקאוויטש הי"ו גבאי נאמן דקהלתינו הק'.

שבת נאכמיטאג האט דער רב שליט"א געזאגט א שבת שובה דרשה אין די סוגיא פון שיעור ככותבת אין ביהמ"ד הגדול.

## מאנסי

אין בית מדרשינו הגדול אין מאנסי האט דער רב שליט"א געדאווענט מנחה און מעריב די ערשטע נאכט, און דערנאך האט גענומען איבער א שעה צייט ביז דער ציבור איז אדורך לברך ולהתברך בברכת לשנה טובה, ווען עס זעהט זיך אויך אהן צענדליגער תושבי מאנסי פון אנדערע בתי מדרשים וועלכע זענען נהנה בעצה ובהלכה דורכאויס דעם יאהר, וואס זענען זיך געקומען אנוואונטשן ביים רב שליט"א.

פסוקי דזמרה דעם ערשטן טאג האט געדאווענט הרה"ג ר' חיים אלעזר ווייס שליט"א אב"ד חומעלניק, און תפילת שחרית הרה"ג ר' אשר אנשיל גרובער הי"ו. תפילת מוסף ביידע טעג האט געדאווענט פאר'ן עמוד הרה"ג ר' יעקב ווייס שליט"א מרבני קהלתינו.

פסוקי דזמרה דעם צווייטן טאג האט געדאווענט הרה"ג ר' אהרן יקותיאל בערקאוויטש שליט"א בן הגאון דומ"ץ קרית יואל שליט"א, און שחרית האט געדאווענט מוה"ר יוסף משה אונגאר הי"ו, בעל תוקע איז געווען דער רב שליט"א, און בעל מקרא הרה"ג ר' חיים אלעזר ווייס שליט"א אב"ד חומעלניק.

שבת נאכמיטאג האט דער רב שליט"א אויפגעטרעטן מיט א שבת שובה דרשה אין די סוגיא פון עירוב תבשילין.

## לאנדאן

אין בית מדרשינו הגדול אין לאנדאן איז היי-יאהר געווען א בחינה פון "נתוסף ספסלי ביהמ"ד" ווען צוליב די פולע פרישע אינגעלייט בליעה"ר וועלכע'ס איז צוגעקומען אין קהלתינו הק' אינעם פארלאפענעם יאהר, האט הנהלת קהלתינו הק' געמוזט ארייגלייגן אויף א קוצליכער אופן פארמערטע זיץ פלעצער אין ביהמ"ד.

דעם ערשטען טאג האט געדאווענט שחרית מוה"ר הערשל לאנגבערג הי"ו און מוסף האט געדאווענט מוה"ר אברהם שווארץ הי"ו. דעם צווייטען טאג שחרית האט געדאווענט פאר'ן עמוד מוה"ר אברהם יעקב קליין הי"ו און תפילת מוסף מוה"ר יוסף הערש גרינבוים הי"ו.

הגה"צ דער רב שליט"א איז געווען בעל מקריא, און בעל תוקע איז געווען הרה"ג משה שלמה שישא שליט"א רב דק' דושינסקיא מגי"ש בקהלתינו הק'.

## אנטווערפן יצ"ו

גאהר שיין האט זיך אנגעהויבן די ימי חודש תשרי אינערהאלב קהלתינו הק' אין אנטווערפן יצ"ו.

דעם ערשטן טאג סליחות איז שוין א גרויסער ציבור צוזאמענגעקומען צו סליחות ווי דער בעל תפילה איז געווען הרה"ג ר' ישכר בעריש קאהן שליט"א ראש הכולל, און אום ערב ראש השנה הרה"ג ר' ליפא טייטלבוים שליט"א מו"צ בקהלתינו הק'.

דעם ערשטן טאג ראש השנה ביי פסוקי דזמרה האט געדאווענט פאר'ן עמוד הרה"ג ר' יושע אשר לויפער שליט"א מגי"ש בקהלתינו הק', און שחרית האט געדאווענט פאר'ן עמוד הרה"ג ר' משה ווערצבערגער שליט"א ר"מ בישיבה קטנה ד'סאטמאר.

ביי מוסף האט געדינט אלס שליח ציבור הרה"ג ר' שלום יצחק שעהר שליט"א ר"מ בישיבה קטנה סאטמאר.

יום ב' דראש השנה האט הרה"ג ר' בעריש קאהן שליט"א ראש הכולל געדאווענט פסוקד"ז פאר'ן עמוד , און תפילת שחרית האט פאהרגעדאווענט הרה"ג ר' אהרן דוד סאלינסקי שליט"א ר"מ בישיבה קטנה ד'סאטמאר. מוסף האט געדאווענט פאר'ן עמוד הרה"ג ר' יעקב שרייבער שליט"א מגי"ש בקהלתינו הק'.

אלס בעל מקרא ביידע טעג האט געדינט הרה"ג ר' בעריש קאהן שליט"א ראה"כ, און בעל תוקע איז געווען הרה"ג ר' מאיר וויינבערגער שליט"א מנהל התאחדות אברכים דקהלתינו הק'.

## ירושלים

אין בית מדרשינו אין ירושלים עיה"ק האט געדאווענט פאר'ן עמוד די ערשטע נאכט יו"ט הר"ר שמואל זאנוויל פויגעל שליט"א מנהל כולל למצויינים ויואל משה. נאכ'ן דאווענען איז דער ציבור אדורך ביים דיין שליט"א לברך ולהתברך.

פסוקי דזמרה דעם ערשטן טאג האט געדאווענט הרה"ג בנש"ק ר' יחזקאל בראך שליט"א, און שחרית מוה"ר שלמה יצחק קליין הי"ו. מוסף האט געדאווענט פאר'ן עמוד מוה"ר אשר אנשיל שווארץ הי"ו.

בעל תוקע איז געווען דער דיין שליט"א, און בעל מקרא איז געווען הרה"ג ר' יחזקאל שרגא וואגשאהל שליט"א.

דעם צווייטן טאג האט געדאווענט פאר'ן עמוד שחרית הרה"ג ר' שלמה בנעט שליט"א מראה"כ, תפילת מוסף האט געדאווענט הרה"ג ר' יעקב מענדל ניילאנגער שליט"א דומ"ץ שערי הוראה.

## בני ברק

אין בית מדרשינו אין שיכון קרית יואל אין בני ברק האט געדאווענט פאר'ן עמוד שחרית מוה"ר יהושע צבי יאזשעף הי"ו, און די מוספים הרה"ח ר' יעקב ווייס שליט"א. בעל תוקע איז געווען דער רב שליט"א, און בעל מקרא מוה"ר שלום קליין הי"ו.

אין ביהמ"ד זכרון מאיר האט געדאווענט שחרית מוה"ר יעקב שווארץ הי"ו, און מוסף הגה"צ ר' חיים צבי מייזליש שליט"א ראש ישיבתינו. אזוי אויך איז דער ראש ישיבה שליט"א געווען דער בעל תוקע, בעל מקרא איז געווען מוה"ר צבי ווייס הי"ו.

דעם ערשטן טאג האט דער ראש ישיבה שליט"א אויפגעטרעטן מיט א דרשה פאר תקיעת שופר.

צוליעב די ענגשאפט פון פלאץ קע"ה וואס האט געהערשט די פארגאנגענע יאהרן אין היכל הביהמ"ד אין זכרון מאיר, האט מען אויך היי יאהר ווי די פארגאנגענע יאר געמאכט א ספעציעלע מנין אין היכל הישיבה קטנה מיוחד פאר די תשב"ר, אונטער די אויפזוכט פון די חשובע מלמדים שיחיו, וואס האט געהאט בעזהשי"ת א אויסטערלישע הצלחה, עס איז געווען ערהאבן בילד צוצוקוקען דאס ווארימע דאווענען פון די צאן קדשים אום ראש השנה, וואס האט זיכער געשפאלטן די הימלען און שטארק עושה רושם געווען.

דער שחרית בעל תפילה איז געווען מוה"ר יואל וויינבערגער הי"ו, און ביי מוסף מוה"ר אברהם ישעי' ווייס הי"ו. בעל תוקע איז געווען מוה"ר אהרן ווייסהויז הי"ו און בעל מקרא מוה"ר חיים דוב בלושטיין הי"ו.

אין בית מדרשינו אויף רחוב רמב"ם האט געדאווענט פאר'ן עמוד שחרית דעם ערשטן טאג מוה"ר ישראל צבי וויינפעלד הי"ו, און דעם צווייטן טאג מוה"ר יוסף חיים וויינפעלד הי"ו, און ביי מוסף איז געווען דער בעל תפילה הר"ר משה אהרן דאווידאוויטש שליט"א וועלכער איז אויך געווען דער בעל תוקע.

## רבני כולל למצויינים וועלן מתפלל זיין פאר די תומכי הכולל

דאנערשטאג י"ג מדות קומט אי"ה פאהר די נסיעה למקומות הק' פאר די נדבנים פון סליחות געלט קאמפיין לטובת כולל למצויינים, מ'וועט אי"ה זאגן תשליך ביים כנרת אין טבריה, און קריאת הקרבנות וועט זיין ביים ציון פון התנא רבי מאיר בעל הנס.

❧•☙

# גרויסע אתרוגים יריד פארגעקומען זונטאג צום גדלי' שע"י קהל יט"ל ד'סאטמאר אנטווערפען יצ"ו

נעכטן - זונטאג יום צום גדלי', נאכמיטאג איז בבניני קהלתינו הק' אין אנטווערפען יצ"ו פארגעקומען די יערליכע "אתרוגים יריד" פאר שטוינענד ביליגע פרייזן, וועלכער איז צוגעשטעלט געווארן דורך הנהלת קהלתינו הק' לטובת מתפללי ובאי בית מדרשינו.

עס זענען געווען אויסגעלייגט הערליכע סחורה, מאראקאנע און יאנעווע אתרוגים. און עס זענען געווען אנוועזנד אויפן ארט חשוב'ע מורי הוראה: דער מומחה גדול בעניני ד' מינים הרה"ג ר' שמעון אברהם גרינפעלד שליט"א רב דביהמ"ד קהל חסידים, און הרה"ג ר' ליפא טייטלבוים שליט"א מו"צ בקהלתינו הק' וועלכע האבן ארויסגעהאלפן דעם ציבור מיט אלע הלכה'דיגע שאלות.

די הערליכע לולבים און הדסים וועלן זיין צובאקומען אי"ה ממחרת יוהכ"פ. מער פרטים וועלן נאכפאלגן.

שפעטער נאכמיטאג ארום א שעה בעפאר מנחה האט אויפגעטראטן בהיכל בית מדרשינו מיט א פייערדיגע דרשת חיזוק והתעוררות בעניני דיומא הרה"ג פה מפיק מרגליות רבי יחזקאל אינזליכט שליט"א דומ"ץ בקהלתינו הק' אין לאנדאן יצ"ו, ווי א שיינער ציבור האט זיך באטייליגט.

אום מוצאי תענית נאך מעריב איז צוגעשטעלט געווארן פארן ציבור אויסצופאסטן, נתנדב געווארן דורך ידידינו החשוב הרוצה בעילום שמו הי"ו לע"נ הרה"ק הבעל שם ממיכלשטאדט זי"ע וועמענס הילולא קדישא געפאלט אויס אום צום גדלי'.

❧•☙

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**

**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**